בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**
**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וֶועט מִיר הֶעלְפְן טֶערֶעפִי אָדֶער נִישְׁט?.............................. א

אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג פַאר מִיר צוּ הָאבְן אַ זִיס לֶעבְן? ................ ג

וִוי אַזוֹי טוּט מֶען תְשׁוּבָה אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בָשָׂר בְחָלָב?......... ז

וָואס דַארְף אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ זֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ?............................................................ ח

וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת בַיי דִי אַרְבֶעט? ......... ט

דַארְף אִיךְ נָאכְגֶעבְן פַאר מַיין מַאן, נִישְׁט צוּ שֶׁערְן מַיין הָאר?.. י

דִי עֵצוֹת הָאבְן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט................................ יב

וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין בָחוּר עֶר זָאל זִיךְ פִירְן הֵיילִיג?........ יד

וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן לֶעבְן? ..................... טז

מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי קָאלִיר רוֹיט?.............................. יז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


שְׁטַארְק דִיךְ אַרוֹיסְצוּגֶעבְן דִי "אֲשֶׁר בַנַחַל".............................. א

מִיטְ'ן גֶעבְן פַאר דִי רֶענְט, בִיסְטוּ יוֹצֵא אַלֶע צְדָקוֹת פוּנֶעם מוֹסָד......................................................................... ב

אִין זְכוּת פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.......................................................... ב

הַלְוַאי זָאל מֶען מַאכְן וִוי מֶער גִלְיוֹנוֹת צוּ לֵיינֶען ................... ג

דִי פוּשְׁקֶע פוּן קֶרֶן הַדְפָסָה דַארְף גֵיין אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ פַאר קֶרֶן הַדְפָסָה ........................................................................ ד

וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר?..........ה

עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אֲפִילוּ אֵיין טָאג אָן הֲפָצָה..........ה

אֲפִילוּ דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף..........ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר דִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ שִׁידוּךְ..........ז

דַיין וַוייבּ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ דַארְפְּסְט נָאר אִיר..........ח

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, שִׁיק נִישְׁט אוֹיף בְּרֶסְלֶב..........ט

פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער..........ט

לֶערְן תּוֹרָה וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן..........י

לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן..........יא

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם..........יג

אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה..........יג

גֶעלְט פוּן קְמֵיעוֹת דַארְף גֵיין פַאר קֶרֶן הַהְדָפָסָה..........יד

זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת..........יד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועט מִיר הֶעלְפְן טֶערֶעפִּי אָדֶער נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער זַייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אַלְס קִינְד, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין נָארְמַאלֶע שְׁטוּב, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט דָא אוּן דָארְט, גֶעוָוארְפְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְווֵייטְן, בִּיז בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר הָאט מִיר אַ מִשְׁפָּחָה אַרַיינְגֶענוּמֶען, אוּן בַּיי דִי צְוָואנְצִיג הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

יֶעצְט הַאלְט אִיךְ שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ קְרַאנְק פוּן אַלְס קִינְד, אִיךְ בִּין פוּל מִיט פְּחָדִים, דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּמְזִיכֶערְקֵייט, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן - אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אַ נָארְמַאלֶע פַּרְנָסָה, אָבֶּער מַיין גֵייסְט אִיז מַמָּשׁ צֶעשְׁנִיטְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט גֵיין אַיינְקוֹיפְן זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן, אַ הוּט, שִׁיךְ, וְכַדוֹמֶה, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם בַּאשְׁלוּסְן אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טְרָאפּ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי צֶענְדְלִיגֶער טֶערֶעפִּיסְטְן אוּן דָאקְטוֹרִים, שׁוֹין גֶערֶעדְט הוּנְדֶערְטֶער שָׁעוֹת צוּ דִי טֶערֶעפִּיסְטְן אוּן שׁוֹין גֶענוּמֶען אַסַאךְ סָארְט מֶעדֶעצִינֶען. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס אַלֶעס הָאט מִיר עֶפֶּעס גֶעהָאלְפְן, אָבֶּער דֶערְוַוייל הַאלְט עֶס נָאכְאַלְץ בַּיים אַלְטְן.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר הַאלְט נִישְׁט פוּן קַיין טֶערֶעפִּיסְטְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁטֵייט דָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער אוֹיסְצוּהֵיילְן, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט; זָאל אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי - בִּין אִיךְ דָאךְ אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, זָאל אִיךְ יָא גֵיין - זֶע אִיךְ דָאךְ אָבֶּער אַז אִיךְ וֶוער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט

מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִישׁ נִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת; דָאקְטוֹרִים אִיז אֵיין זַאךְ אוּן טֶערֶעפִּי אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ. אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט פִיזִישׁ אָדֶער גֵייסְטִישׁ דַארְף מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן נֶעמֶען רְפוּאוֹת; אַנְדֶערְשׁ אִיז טֶערֶעפִּי, דָאס אִיז אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צַייט, אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט אַלֵיין אִין דַיין בְּרִיוו אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט טֶערֶעפִּי אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס הַאלְט נָאכְאַלְץ בַּיים אַלְטְן.

אַנְשְׁטָאט זִיצְן מִיט אַ בָּשָׂר וָדָם וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער אַז עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן - נֶעם עֶנְדֶערְשׁ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶערְצֵייל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ ווִילְסְט דֶערְצֵיילְן פַאר'ן טֶערֶעפִּיסְט, דֶערְצֵייל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן - נִישְׁט אֵיינְמָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נָאר יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן בִּיז עֶר וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ וָואלְסְט גֶענוּמֶען דִי צַייט פוּן זִיצְן מִיט טֶערֶעפִּיסְטְן אוּן אִין דִי צַייט וָואלְסְטוּ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְסְטוּ שׁוֹין פוּן לַאנְג אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן. דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט וָואס מִיט צוּ נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וַוייל נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אִים צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּ.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין אָנְהֵייבּ וֶועט עֶס דִיר זַיין שְׁוֶוער, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, עֶר וֶועט דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן ווִי קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי

מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י׳ - מִבֶּעטְגִיר וְעָנִי) אַז דֶער רוֹצֵחַ הָאט גֶעזָאגְט פַאר׳ן בַּת קֵיסָר: ״אוֹיבּ דוּ גֶעבּסְט אֵיין שְׁרֵיי, וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְוֶוערְגְן אוּן הַרְגְ׳עֶנְען״; דֶער רוֹצֵחַ - דָאס אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דָאס גֶעשְׁרֵיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווייל מִיט אֵיין שְׁרֵיי וָואס מֶען שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט עֶר אוֹיס, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג פַאר מִיר צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן דִי חִיזוּק יוֹמִי, עֶס אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק.

אֵיין זַאךְ שְׁטֶערְט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן פְּגַם הַבְּרִית, בְּשַׁעַת וָואס אִיךְ בִּין טִיף אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין דֶעם שׁוֹין פוּן דִי נַיין יָאר אוּן עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, כִּמְעַט יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל דוּרְךְ.

בַּיי אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הֶער אִיךְ אַז מֶען דֶערְלֵייגְט דֶעם שִׁידוּךְ צוּלִיב דִי עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאס צֶעבְּרֶעכְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ בִּין שׁוֹין הַיינְט כִּמְעַט אַכְצְן יָאר, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין הָאבְּן אַ בִּיטֶערֶע לֶעבְּן? אִיז נָאךְ דָא עֶפֶּעס צוּ טוּן דָאס צוּ פַארֶעכְטְן, אוּן פוּן יֶעצְט אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן?

אִיךְ וִויל נָאךְ יָא הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן, אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): ״כָּל הַמּוֹצִיא

שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְט אַוֶועק גֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (וַיְחִי ריט:): "לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַן עֲבֵירָה וָואס עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה, "בַּר מֵהַאי", אוֹיסֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, "וְלֵית לָךְ לְחֲיָיבָא דְּלָא חֲמָאָן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּר מֵהַאי", נָאר וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית; דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אַזוֹי הַארְבּ, וַוייל פוּן יֶעדֶע טִפָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא לְבַטָּלָה קֶען וֶוערְן אַ קִינְד, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הַרְגְ'עֶט זַיינֶע קִינְדֶער. דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אֵיין מָאל וְכוּ', כָּל שֶׁכֵּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אַסַאךְ מָאל, וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן זֶענֶען גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אוֹיף דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת אוּן מִיט זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גְרוֹיס אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער; דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר בְּרֶענְגְט אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְגַלֶּה פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ; אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט".

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"; דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ]. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארף שׁוֹין גָארְנִישְׁט

זָארְגְן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין, אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן"; זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

צְוֵוייטְנְס, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן; אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיז'ן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן, מֶען וֶוערְט אַ פַארְ'חָלוֹמְ'טֶער, מֶען וֶוערְט אַ צֶעמִישְׁטֶער, דֶער קָאפּ פְלִיט מִיט טוֹיזְנְט מַחֲשָׁבוֹת; זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אַזַא גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן מִיט עַקְשָׁנוּת, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ וֶועסְט זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן קְדוּשָׁה - מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", דָאךְ אִיז דִי תּוֹרָה אַזוֹי שְׁטַארְק, דִי תּוֹרָה קֶען אַרוֹיס צִיעֶן אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶעם פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל

דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אַז דוּ וִוילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהַייט זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ שׁוֹין פוּן אַלְס קִינְד מִיט עֲבֵירוֹת, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט דִיר פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נַיין יָאר הַשֵּׁם יְרַחֵם, דָאךְ אִיז דָא אֲפִילוּ פַאר דִיר אַ וֶועג אַרוֹיס. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט, אַז בְּשָׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס אַז תּוֹרָה קֶען אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן אַ מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלַן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ ווֵייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווֵייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלַן, וֶועט דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן בְּלָאטֶע אוּן אִים מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דְרִיטְנְס, זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג; זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, גֵיי אַהִין אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ. דֶערְצֵייל פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי ווַייט פַארְקְרָאכְן אִין דִי טוּמְאָה, שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס דוּ זִינְדִיגְסְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, ווֵיין צוּ אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן: יֶעדְן טָאג זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי טוּמְאָה אוּן דוּ וֶועסְט ווערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אַן אֱמֶת׳עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי טוט מֶען תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בָּשָׂר בְּחָלָב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין בָּשָׂר בְּחָלָב, וָואס אִיז דִי תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן; דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה - סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אֵיינְמָאל מֶען טוּט תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס דַארְף אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ זֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ חוֹשֵׁד גֶעוֶוען צְוֵויי קִינְדֶער, אֵיינֶער צְוֶועלְף יָאר אוּן דֶער צְווייטֶער צֶען יָאר אַז זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת. אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אוּן טַאקֶע בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז זֵיי טוּעֶן צוּזַאמֶען הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ הָאבּ מְעוֹרֵר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דֶערְוֶועגְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיר אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן אָנְגֶעשְׁרִיגְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גָאטְ'ס פָּאלִיצֵיי אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט בִּזְיוֹנוֹת.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ דַארְף עֶפֶּעס טוּן וַוייטֶער דֶערְוֶועגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ גֵיין וַוייטֶער מַיין וֶועג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער - הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעטוּן דַיינְס.

יֶעצְט בְּלַייבְּט אִיבֶּער צוּ וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס הַאלְט צוּרִיק דִי גְאוּלָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא): "אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען, מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז רוֹב אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וואוֹיל אוּן אַזוֹי עֶרְלִיךְ, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת - פַארְוָואס קוּמְט נָאךְ נִישְׁט מָשִׁיחַ? בִּיז אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ טוּעֶן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן טוּעֶן נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת בַּיי דִי אַרְבֶּעט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אוּן אַזוֹיפִיל חִיזוּק אִין לֶעבְּן.

פַאר מַיין אַרְבֶּעט דַארְף אִיךְ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶעם דִי בֶּעסְטֶע פִילְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶעם וָואטְסְעֶפּ (אָן סְטֶעטוּס) וָואס דָאס דַארְף אִיךְ הָאבְּן פַאר דִי אַרְבֶּעט. דָאס אִיז אָבֶּער אוֹיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל אִיךְ דַארְף אַסַאךְ זִיךְ שְׁרַייבְּן מִיט פְרוֹיעֶן אִיבֶּער דִי אַרְבֶּעט, אוּן צוּמָאל קֶען אַרַיינְפַאלְן דָא אוּן דָארְט אוֹיךְ קָאמְפְּלִימֶענְטְן וְכַדוֹמֶה וָואס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג פַאר דִי אַרְבֶּעט. אוֹיךְ קֶען מֶען בַּאקוּמֶען צוּמָאל אוֹיף וָואטְסְעֶפּ בִּילְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט פַּאסִיג, אוּן דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס דֶער טֶעלֶעפָאן גֵייט אוֹיךְ אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי צַייט פוּן מַיינֶע קִינְדֶער. וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?

צְוֵוייטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַלְס טֵייל פוּן מַיין אַרְבֶּעט קוּמְט מִיר אוֹיךְ אוֹיס זִיךְ צוּ דַארְפְן אַסַאךְ בַּאגֶעגֶענֶען מִיט פְרוֹיעֶן בַּיי דִי אַרְבֶּעט, ווי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן נָאר זַאכְן וָואס הָאט מִיט דִי אַרְבֶּעט. אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁרַייבְּט זִיךְ פְּרִיוַואטֶע זַאכְן - אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט; מֶען קֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ וֶוערְן.**

**בְּנוֹגֵעַ דַיין אַרְבֶּעט, אַז דוּ דַארְפְסְט הַאנְדְלֶען מִיט פְרוֹיעֶן וְכוּ'; פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי מְזוּזָה עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן. זָאג דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן". דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ**

מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת וֶועט מֶען גֵייט אִין גַאס זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי מְזוּזָה: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם״.**

פַאר דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא; לֶערְן פַאר דִיר וִויפִיל דוּ קֶענְסְט אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין גְּמָרָא זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען דִי מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז גְּמָרָ״א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מִ׳יכָאֵל, גַ׳בְרִיאֵל, רְ׳פָאֵל, אוּ׳רִיאֵל; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא וֶוערְט מֶען אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ נָאכְגֶעבְּן פַאר מַיין מַאן, נִישְׁט צוּ שֶׁערְן מַיין הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִיזּוּק פוּן זֵיי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר דֶעם.

בַּיי מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וִוי אוֹיךְ בַּיי מַיין מַאנְ'ס גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר. מַיין מַאן לָאזְט מִיר אָבֶּער נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ וִויל זִיךְ יָא פִירְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב גֶעזֶען בַּיי מַיין מַאמֶע אוּן בַּיי מַיינֶע בַּאבֶּעס.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן? זָאל אִיךְ טוּן וָואס מַיין מַאן פַארְלַאנְגְט, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ פִירְן לוֹיט וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר פָארזִיכְטִיג אַלֶעמָאל צוּ זַיין גוּט אוּן שֵׁיין פַאר מַיין מַאן, נִישְׁט דָאס אִיז זַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶר וִויל אָבֶּער דַוְקָא אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר וֶועט הֶערְן ווי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר שֶׁעלְט דִי פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט צְוֵוייפְלֶען וָואס צוּ טוּן, אִיר וֶועט טוּן וָואס אַייעֶרֶע מַאמֶעס אוּן בַּאבֶּעס טוּעֶן אוּן וָואס אַלֶע עֶרְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן טוּעֶן.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (נָשֹׂא קכה:): ״תּוּנְבָא לֵיתֵי״, אַ שֶׁעלְטוּנְג זָאל קוּמֶען, ״עַל הַהוּא בַּר נָשׁ״, אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ״דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ״, וָואס לָאזְט זַיין ווייבּ, ״דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר״, אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. ״וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ״, אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי. ״וְאִתְּתָא דַאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר״, אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ״לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ״ זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ״גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא״, אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ״וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא״, אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. ״וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא״, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. ״מַאן גָּרִים דָא?״ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ״הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר״, דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

גֵייטְס אִין דִי וֶועג פוּן אַייעֶר מַאמֶע אוּן בַּאבֶּעס, גֵייטְס אִין דִי וֶועגְן פוּן אַלֶע צַדִּיקִים - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי עֵצוֹת הָאבְּן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך הָאב זיך פָּשׁוּט גֶעוואלְט זייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר די עֶנְטְפֶער וואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען [זֶע די בְּרִיוו בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר זֵייעֶר גוּט אָפְּגֶעטַייטְשְׁט אוּן מִיר זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ לִיכְטִיג גֶעוָוארְן מִיט די צְוֵויי עֵצוֹת, אֵיינְס צוּ פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן צְוֵוייטְנְס נִישְׁט צוּ צֵיילְן וויפִיל טֶעג אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט דוּרְכְגֶעפַאלְן, נָאר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין פוּן יֶעצְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר די צְוֵויי גוּטֶע מַתָּנוֹת, אוּן פַארְ'ן מִיר מְקַרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פַארְ'ן מִיר רוּפְן "מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעס גוּטְס אוֹיף די וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אִיר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט די הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִתּוֹךְ שִׂמְחָה אוּן הַרְחָבַת הַדַּעַת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה מִיט דֶעם, מֶען צֵיילְט די טֶעג ווילַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, מֶען נֶעמְט די גַאנְצֶע כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן - פוּן צֵיילְן די טֶעג; ׳עֶס אִיז שׁוֹין צֶען וָואכְן וָואס אִיךְ בִּין אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית׳, ׳שׁוֹין דְרֵיי חֳדָשִׁים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען וְכוּ׳, וְכוּ׳. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע וֶועג אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען גֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אוֹיף.

דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג אִיז זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי; אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן זָאל מֶען זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תנג): ״אָט ווי אִיר זֶעט מִיר; אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין די גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה וָואלְט דָאס מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן, אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גֶעוֶוען אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד ווי פְרִיעֶר, דֶערְנָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן״; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן

גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ וִוי מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן דַארְף מֶען וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אִין אָנְהֵייבּ פוּנֶעם סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן (סִימָן ה, ו), דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט. "הָיָה רָגִיל לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, "דְהַיְינוּ כְּשֶׁנָּפַל מִמַּדְרֵגָתוֹ לִפְעָמִים לֹא הָיָה מְיַיאֵשׁ עַצְמוֹ בִּשְׁבִיל זֶה", וֶוען עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן צַייט צוּ צַייט פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, "רַק אָמַר שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִין כְּלָל לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט 'אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי', כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה, "רַק עַתָּה הוּא מַתְחִיל מֵחָדָשׁ", נָאר יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן פוּנְדָאסְנֵיי. "וְכֵן בְּכָל פַּעַם וּפַעַם תָּמִיד הָיָה רָגִיל לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, "וְהָיָה לוֹ כַּמָּה הַתְחָלוֹת בְּיוֹם אֶחָד", אִין אֵיין טָאג הָאט עֶר אַפָּאר מָאל נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, "שֶׁגַּם בְּיוֹם אֶחָד לִפְעָמִים נָפַל מֵעֲבוֹדָתוֹ וְהָיָה מַתְחִיל מֵחָדָשׁ וְכֵן כַּמָּה פְּעָמִים בְּיוֹם אֶחָד", אֲפִילוּ אִין אֵיין טָאג אַלֵיינְס הָאט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייט; דָאס אִיז דִי אִידִישֶׁע וֶועג, דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דִי וֶועג פוּן צֵיילְן דִי טֶעג אִיז אַ נֵייעֶ וֶועג וָואס הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט פוּן דִי גוֹי'שֶׁע מֶעטָאדְן, פוּן נַארִישֶׁע פְּרָאגְרַאמֶען וָואס דַארְפְן צוּ הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת; אָבֶּער עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין קָאפּ, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה וֶועג, נָאר דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים - רַאטֶעוֶוען אוּן שְׁלֶעפְּן אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו אוֹיף וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר עֶרְלִיךְ; עֶר טוּט נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן

און טוט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ; עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ): "לִזְכּוֹת לְשִׂמְחָה זֶה קָשֶׁה וְכָבֵד לְהָאָדָם לִזְכּוֹת לָזֶה יוֹתֵר מִשְּׁאָר כָּל הָעֲבוֹדוֹת", זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי צוּצוּקוּמֶען צוּ סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת; דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט פוּן שִׂמְחָה וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אִים, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן קסט).

צֵייל נִישְׁט וִויפִיל טֶעג דוּ בִּיסְט נִישְׁט פּוֹגֵם וְכוּ'; שׁוֹין צְוֵויי וָואכְן נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, שׁוֹין דְרֵיי וָואכְן וְכוּ', וְכוּ'; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פוּן הַיינְט הוֹיבּ אִיךְ אָן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען; בַּיי אוּנְז דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְלֹא שַׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי קְרוֹנוֹ"ת", וד"ל.]

...

## ווִי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין בָּחוּר עֶר זָאל זִיךְ פִירְן הֵיילִיג?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית. אִיךְ און מַיין וַוייבּ הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, און מִיר ווִילְן וויסְן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, פוּן אֵיין זַייט צוּ זַיין זֵייעֶר קְלָאר און אָפְן מִיט זֵיי, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט עֶס טוּן נָאר אוֹיף אַ צְנִיעוּת'דִיגֶער וֶועג.

רוֹב פוּן מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אוּנְטֶער דִי בַּר מִצְוָה, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי דֶערְוֶועגְן, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ 13 יֶערִיגֶער בָּחוּר, און אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אִיבֶּער דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעהַאט דִי זְכוּת צוּ מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", ווִי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן נֵייעֶם בֵּית

הַדְּפוּס דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער וִויפִיל אִיךְ זָאל נָאר גֶעבְּן וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט פַאר אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער; פוּן דִי דְרֵיי יָאר דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין הֵיילִיג, נִישְׁט צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ׳ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. וֶוען מֶען גֵייט מִיטְ׳ן קְלֵיינֶעם קִינְד אִין בֵּית הַכִּסֵּא אָדֶער מֶען בָּאדְט אִים דַארְף מֶען אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "דָא לֵייגְט מֶען נִישְׁט דִי הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט", וֶוען מֶען זֶעט דֶעם קִינְד לֵייגְן דִי הֶענְט דַארְף מֶען אִים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קֵיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, מֶען דַארְף זָאגְן פָּשׁוּט׳עֶ וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן קֵיין טַעֲמִים אוּן אָן קֵיין הֶסְבֵּרִים, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג, מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ׳ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ", אוּן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס אִיז אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען זֵיי אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס בְּרֶענְגֶען צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער; דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ גֶעבְּט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "זָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ׳ס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן

נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן לֶעבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט פוּן זַיין בַּאבֶּע, ווִי אַזוֹי זִי הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי צְווֵייטֶע וֶועלְטְ'ס קְרִיג, טְרָאץ דִי גָאר שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען וָואס זִי אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אִין אוֹישְׁווִיץ וואוּ זִי הָאט גֶעזֶען דָאס גֵיהִנּוֹם, אוּן זִי הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט ווַייל זִי הָאט גֶעוָואלְט לֶעבְּן.

בַּיי מִיר אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְּן, עֶס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט לֶעבְּן. וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן מַאכְן אַ סוֹף צוּ מַיין לֶעבְּן, קֶען אִיךְ עֶס נִישְׁט טוּן נָאר ווַייל אִיךְ טְרַאכְט פוּן מַיין מַאן, פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, ווִי אוֹיךְ צִיטֶער אִיךְ אוֹיבּ דָארְט וֶועט מִיר נִישְׁט זַיין עֶרְגֶער. אִיךְ לֶעבּ נָאר מִיט דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין פִּרְקֵי אָבוֹת "בַּעַל כָּרְחָךְ אַתָּה חַי".

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אוּן אַ ווִילְן צוּ לֶעבְּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט אֵיין זַאךְ: "זַיין פְרֵיילִיךְ"; אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט. מִיר הָאבְּן אַ מִצְוָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן - צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּן

עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה; אַז דֶער רֶבִּי הֵייסְט דַארְף מֶען פָאלְגְן.

פְּרוּבִּירְטְס דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פְּרוּבִּירְטְס דִי עֵצָה; בֶּעטְס יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז אִיר זָאלְט זַיין פְרֵייליךְ, אִיר זָאלְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן - דַאן וֶועט אִיר וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אִיר וֶועט וֶועלְן לֶעבְּן צוּ קֶענֶען טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַאנְצְטְס יֶעדְן טָאג מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין אַייךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן ח): "עַל-יְדֵי הָרִקּוּדִין וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁאַתָּה עוֹשֶׂה בַּגּוּף, נִתְעוֹרֵר לְךָ שִׂמְחָה", דוּרְךְ טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען וֶוערְט מֶען פְרֵייליךְ; זִינְגְטְס און טַאנְצְטְס, דַאנְקְטְס און לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיר אַייךְ, וֶועט אִיר וֶועלְן לֶעבְּן, אִיר וֶועט הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי קָאלִיר רוֹיט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי קָאלִיר רוֹיט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין אִין קְלֵיידֶער וָואס אִיז רוֹיט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אִינְסְטַאנְבּוּל, הָאט עֶר דָארְט גֶעזֶען אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת מַמָּשׁ ווִי דִי הֵיילִיגֶע

תַּנָּאִים, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט אַז וַוייל דִי פְרוֹיעֶן דָארְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שְׁטַארְק דִיךְ אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר׳ן הֶעלְפְּן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ מִיט דִי רֶענְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת; בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ׳ן אַרוֹיסְגֶעבְּן מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס מִכְתָּבִים - ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועןאַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן דִי בְּרִיוו וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי מַפְתְּחוֹת אוּן הַגָּהוֹת, מֶען זָאל דָאס קֶענֶען דְרוּקְן אָן אַן אָפְּשְׁטֶעל - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ שְׁטֵיי גְרֵייט יֶעדְן טָאג צוּ דְרוּקְן נָאךְ חֲלָקִים; אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט בִּשְׁעַתְ׳ן זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, בַּיים טְרָאגְן דִי מִטָּה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – אַז אִיךְ וֶועל דְרוּקְן דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוו אָן אוֹיפְהֶער.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ; פְּרוּבִּיר דָאס אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן, זֶע צוּ מַאכְן אַבִּיסְל צַייט יֶעדְן טָאג פַאר דִי בְּרִיוְון, כְּדֵי מֶען זָאל דָאס קֶענֶען דְרוּקְן.

...

## מִיטְ'ן גֶעבְּן פַאר דִי רֶענְט, בִּיסְטוּ יוֹצֵא אַלֶע צְדָקוֹת פוּנֶעם מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ מִיט דִי רֶענְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת; מִיטְ'ן גֶעבְן דַיין מַעֲשֵׂר, דַיינֶע צְדָקוֹת - פַאר דִי רֶענְט, בִּיסְטוּ יוֹצֵא אַלֶע צְדָקוֹת פוּנֶעם מוֹסָד, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֵיידְל סְקוּל, כּוֹלֵל, הַדְפָּסָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אֲפִילוּ דִי שְׁטֶעטְל - אַלֶעס וֶוערְט גֶעטוּן אִינֶעם בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה; אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה אוֹיף דֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט; אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְן עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט מִיר מוֹחֵל. אִיךְ וֶועל וַוייטֶער גֶעדֶענְקֶען נָאר דִי גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן אַלֶע יָארְן אוּן אַלֶע טֶעג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ, מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, טַאנְץ מִיט זֵיי; גֶעדֶענְק דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר.

...

## אִין זְכוּת פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַצַּדֶּיקֶת ... תִּחְיֶ'.

"בְּרוּכָה אַתְּ לַה' בִּתִּי (רות ג, י)", גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מַיין טָאכְטֶער, מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי קוּרַאזְשׁ אוּן זִיךְ אָפְּגֶעשוֹירְן דַיינֶע הָאר - כָאטְשִׁיג וָואס פוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה בִּיסְטוּ אֵיינֶער אַלֵיין, אַלֶע גֵייעֶן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר; זָאלְסְטוּ זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעשוֹירְן זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, בַּא'חֵנְ'טֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן; זֵיי אַ הֶעלְד מִיט דַיינֶע גוּטֶע

מַעֲשִׂים, זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דֶעם – וֶועסְטוּ בְּרֶענְגֶען דֶערְצוּ אַז אַנְדֶערֶע וַוייבְּלֶעךְ זָאלְן דִיר נָאכְטוּן אוּן אוֹיךְ טוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

אַ גְרִיס פוּן דַיין טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ עֶנְק זֵייעֶר לִיבּ.

...

## הַלְוַאי זָאל מֶען מַאכְן וִוי מֶער גִּלְיוֹנוֹת צוּ לֵיינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י״א סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הֶער זָאגְן פוּן אַנְדֶערֶע אַז דוּ טְרַאכְסְט פוּן מַאכְן אַ גִּלְיוֹן יֶעדֶע וָואךְ, וְויל אִיךְ דִיר ווּאוּנְטְשְׁן הַצְלָחָה וּבְרָכָה; יְהִי רָצוֹן שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם.

בִּיז דֶערְוַוייל הַאלְטְן מִיר בַּיי צְוֵויי גִּלְיוֹנוֹת וֶועכְנְטְלִיךְ, הַלְוַאי זָאל זַיין וָואס מֶער צוּ לֵיינֶען; מִיר הָאבְן אַ נֵייעֶ דוֹר אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן לֵיינֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם מַאגֶעזִין, נִישְׁט קַיין גוֹי׳שֶׁע אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע, אֲפִילוּ דִי וָואס קוּקְן כְּלוֹמַר׳יש אוֹיס קְלוּג אוּן אִינְהַאלְטְסְפוּל וְכוּ׳; מִמֵּילָא דַארְפְן מִיר צוּשְׁטֶעלְן פַאר זֵיי וָואס צוּ לֵיינֶען.

אִיךְ שִׁיק דִיר אָפְּגֶעשְׁרִיבְן דִי שִׁיעוּר אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר שְׁרַייבְּט אָפּ וֶועכְנְטְלִיךְ דִי שִׁיעוּרִים, אִיז כְּדַאי צוּ נֶעמֶען פוּן דֶעם אַבִּיסְל פַאר דִי גִּלְיוֹן.

אַז מֶען מַאכְט אַ גִּלְיוֹן דַארְף עֶס זַיין שֵׁיין, רַייךְ, אָן קַיין גְרַייזְן אוּן אוֹיךְ צַייטְלִיךְ.

אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן סַיי מִיט שְׁרַייבְן, סַיי מִיט חוֹמֶר אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי פּוּשְׁקֶע פוּן קֶרֶן הַדְפָּסָה דַארְף גֵיין אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י״א סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלְט וָואס מֶען לֵייגְט אִינֶעם פּוּשְׁקֶע פוּן קֶרֶן הַדְפָּסָה דַארְף גֵיין אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן מִיט דִי גֶעלְט אֵייגֶענֶע הֶפָּצָה; אַז דוּ ווִילְסְט מְנַדֵּב זַיין אַ נֵייעֶ קָאמְפְּיוּטֶער פַאר הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַז עֶר זָאל קֶענֶען בֶּעסֶער מְסַדֵּר זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ חָשׁוּב׳עֶ זַאךְ אוּן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אָבֶּער נִישְׁט פוּן גֶעלְט פוּן דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה פּוּשְׁקֶע.

אַז דוּ ווִילְסְט אַלֵיינְס אָנְהֵייבְּן טוּן אִין הֶפָּצָה קֶענְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַן אֵייגֶענֶע פּוּשְׁקֶע אוּן טוּן מִיט דֶעם דַיין אֵייגֶענֶע הֶפָּצָה, אָבֶּער גֶעלְט פוּן דִי פּוּשְׁקֶע פוּן קֶרֶן הַדְפָּסָה דַארְף גֵיין אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה אוּן גֶעלְט פוּן דִי פּוּשְׁקֶע פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ דַארְף גֵיין אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ פַאר דִי מוֹסָד, דִי פּוּשְׁקֶע פוּן דִי מוֹסָד זָאלְסְטוּ מִיר בְּרֶענְגֶען אוּן נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, עֶר לֵייגְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרוּטוֹת אִין צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, וֶועט עֶס אִים הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נט, יז): ״וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן״, צְדָקָה אִיז אַזוֹי ווִי אַ פַּאנְצֶער, אַ פַּאנְצֶער אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ אַייזְן, גֶעמַאכְט אוֹיף אַ וֶועג אַז וֶוען מֶען שִׁיסְט אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ פַּיילְן זָאלְן דִי פַּיילְן נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען גֶעבְּט פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה נֶעמֶען זִיךְ צַאם אַלֶע פְּרוּטוֹת פוּנֶעם פּוּשְׁקֶע אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְצֶער צוּ בַּאשִׁיצְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה פוּן יֶעדֶע בְּרִיוו דַיינֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה מִיר דֶערְצֵיילְן דַיינֶע סִיוּמִים, ווִי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט; כִּי זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, נָאר דָאס וֶועט פוּן מִיר אִיבֶּערְבְּלַייבְּן.

אִיךְ מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, הַיינְט אִיז מַיין יוֹם הוּלֶדֶת, מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג; הַיינְט בִּין אִיךְ אַרַיין אִין דִי יְמֵי בִּינָה, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ה, כא): "בֶּן אַרְבָּעִים לַבִּינָה"; מַאךְ אִיךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס טוּ אִיךְ? וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר? נָאר דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ פּוֹעֵל בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען'.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת, דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער. זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט ווִיפִיל דוּ טוּסְט; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ הֲפָצָה דַארְף מֶען אַלְץ טוּן מֶער אוּן מֶער.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

## עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אֲפִילוּ אֵיין טָאג אָן הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

הַיינְט אִיז מַיין יוֹם הוּלֶדֶת, מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ שִׂמְחָה, מַיין עֶרְשְׁטֶע אֵיינִיקְלְ'ס פִּדְיוֹן הַבֵּן בַּיי מַיין זוּן שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אוֹיךְ שֶׁענְקֶען דִי שֵׁיינֶע מַתָּנוֹת, דוּ זָאלְסְט זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אֲפִילוּ אֵיין טָאג וָואס דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גֶעבְּן אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס, אַ סִידִי

וְכוּ' - פַאר אַ צְוֵוייטְן. אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן אוּן אוֹיךְ בִּיסְטוּ טָרוּד אִין דַיין בִּיזְנֶעס - דָאךְ זָאלְסְטוּ אַרַיין שְׁטוּפְּן יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין אַבִּיסְל הֲפָצָה; הַאלְט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת, סִידֵי'ס וְכַדוֹמֶה, אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, וְכוּ'.

...

### אֲפִילוּ דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - נָאר צוּ זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן; מֶען ווִיל זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; מֵיין נִישְׁט אַז צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֵיין נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נְפִילוֹת וְכוּ', דֶער חִילוּק אִיז אַז דִי צַדִּיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ אוּן הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם", דֶער צַדִּיק, אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ הֵייבְּט עֶר אָן פוּנְדָאסְנֵיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר עֶר קוּקְט אוֹיף פָאְרְאוֹיס. דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, וַוייל זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ.

זַיי מִתְפַּלֵל אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ זַיין זוּמֶער; אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז צוּזַאמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים. מִיר דַארְפְּן גְרוֹיסֶע נִסִים אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ זַיין זוּמֶער; מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר דִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין לַאנְג זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט; דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג, נָאךְ אַ וָואךְ אוּן נָאךְ אַ יָאר אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ, חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְצוּגֶעבְּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר דִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ שִׁידוּךְ נָאךְ פוּן פַאר דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - וֶועסְטוּ דָאס בַּאקוּמֶען אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְּן מַאכְן דִי עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל; דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר דִיר אוֹיף אֵייבִּיג. גוּטֶע זַאכְן בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט פַארְגֶעסְן בַּיי מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל גֶעדֶענְקְט מֶען שְׁטֶענְדִיג יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ אוּן זִיכֶער אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען מַאכְט פַאר אַ רַבִּים, מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט שְׁמִירַת שַׁבָּת, צוּ הָאבְּן אַן עֵירוּב כְּדֵי נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט טְרָאגְן; דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן פַאר אֵייבִּיג.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְמָרָא זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

...

**דַיין וַוייבּ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ דַארְפְסְט נָאר אִיר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרע ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז זִי אִיז דַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ, זִי אִיז מֶער וִוי סְתָּם אַ פְּרוּי; זִי אִיז דִיר גֶעטְרֵיי, זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, זִי וִויל נָאר דִיר; זִי וִויל אוֹיךְ שְׁפִּירְן פוּן דִיר דָאס זֶעלְבֶּע, אַז דוּ הָאסְט נָאר אִיר.

אֱמֶת טַאקֶע, דוּ הֶעלְפְסְט אִין שְׁטוּבּ, דוּ בִּיסְט גֶעטְרֵיי צוּ אִיר, אָבֶּער זִי שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט זִיכֶער מִיט דִיר, זִי שְׁפִּירְט וִוי דַיין קָאפּ אִיז עֶרְגֶעץ וַוייט אַוֶועק; אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּבּ שְׁפִּירְט זִי וִוי דוּ ווִילְסְט אַלְץ אַרוֹיסְגֵיין, דוּ ווִילְסְט עֶנְדִיגְן הֶעלְפְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַוֶועק גֵיין.

בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, גֶעבּ אִיר דִי הַרְגָּשָׁה אַז זִי אִיז דַיין לֶעבְּן, אַז זִי אִיז בַּיי דִיר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוּן דִי לֶעצְטֶע זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַזוֹי אָנְגֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד); וַוייל אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ אִיז דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דִי שְׁכִינָה אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ.

נָאר דוּ וֶועסְט מַרְוִיחַ זַיין אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין רוּאִיג; מֶען קֶען זֶען אוֹיף דִי פְּנִימְ׳עֶר פוּן אִינְגֶעלַייט צִי זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן לִיכְטִיגֶע פְּנִימְ׳עֶר, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיכֶע - דִי אַלֶע הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דִי וָואס גֵייעֶן אַרוּם מִיט דִי נָאז אַרָאפּ, עַל פִּי רוֹב אִיז דָאס וַוייל זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ.

נָאכְאַמָאל טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קוּק אוֹיף דַיין וַוייבּ וִוי דוּ קוּקְסְט אוֹיף דַיין לֶעבְּן, וַוייל זִי אִיז טַאקֶע דַיין לֶעבְּן; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט נִישְׁט אַהֵיים דַיין טֶעלֶעפָאן.

...

### קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, שִׁיק נִישְׁט אוֹיף בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; אַז זִי ווִיל נָאכְנִישְׁט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב, זִי שֶׁעמְט זִיךְ פוּן מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אִיר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ צַייט צוּ דַאוֶועןֶען פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת; זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ בִּיז סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פַאר אוּנְז גֶעטוּן אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, מִיר זָאלְן לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגֶל וַואסֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן פַאר דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְ׳ן גֵיין שְׁלָאפְן - גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) רָבָא הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי׳שֶׁע בֶּעט. עֶס זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז: "לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", רָבָא הָאט

זַיי גֶעזָאגְט זַיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע; אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן בַּיי אַ גוֹי רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער; נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶּער דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט.

זַיי שְׁטַארְק אִין דִי צְוֵויי זַאכְן: קְרִיאַת שְׁמַע אוּן נֶעגְל וַואסֶער - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶערְן תּוֹרָה וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע אַז דֶער טָאג זָאל דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אָן לֶערְנֶען גְמָרָא; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי; לִכְאוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקֶעלֶע זַאךְ, אַ טוֹיטֶע זַאךְ? נָאר מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: "עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער", "אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ", "עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם - עֶס אִיז מִיר טוּנְקְל", גֶעבְּט מֶען אִים אַן עֵצָה: "זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל", נֶעם אַ גְמָרָא תַּלְמוּד בַּבְלִי אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען, הֵייבּ אָן זָאגְן דִי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג.

אִיךְ זָאג דִיר, דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן גָאר אַנְדֶערְשׁ נָאכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה אַז דוּ הֶעלְפְּסְט אַרוֹיס דֶעם קָאמְפֵּיין עֶס זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, אִיךְ בִּין דִיר מַכִּיר טוֹבָה אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ שַׁאפְן צְדָקוֹת בַּיי דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע אוּן גוּטֶע פְרַיינְט, אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער ריי"ץ זְכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "אֵיין טוּן אִיז מֶער פוּן טוֹיזְנְט קְרֶעכְצְן"; דָאס וֶועסְטוּ קֶענֶען זֶען הַיינְט נַאכְט אִין יְשִׁיבָה וואו עֶס וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָּארְקוּמֶען דִי פּוּפְּצְנְטֶע חֲתוּנָה. נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת וְכוּ', וְכוּ' - וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן טוּט מֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז נָאךְ זַיין חֲתוּנָה אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארָארֶעמְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְּרוּטָה אִין שְׁטוּב פוּן וָואס זִיךְ צוּ מְפַרְנֵס זַיין, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַכְט הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ וָואלְט אִיךְ דָאס אִינְוֶועסְטִירְט בַּיי אַן עוֹשֶׁר, אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין פוּן דִי רְוָוחִים", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוֵויינְט בִּיז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, פְּלוּצְלִינְג חָלוֹמְ'ט עֶר זִיךְ וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ קוּמְט צוּ אִים אוּן זָאגְט: "אִינְגֶערְמַאן, אוֹיבּ מֶען הָאט אַכְט הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַכְט הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען לֶערְנֶען אוּמְגֶעשְׁטֶערְט?!" דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט אִיז גוּט.

דָאס זָאג אִיךְ דִיר פַאר אַלֶע דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס לוֹיפְן אוּן בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין דַיין קָאפּ, דוּ טְרַאכְטְסְט: 'וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן גֶעלְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען'; 'וֶוען אִיךְ וֶועל מַאכְן גֶעלְט וֶועל אִיךְ...', 'וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין רַייךְ וֶועל אִיךְ...', 'וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז וֶועל אִיךְ...'; דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן, אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁפִּילְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ; אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִיר, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים דַאנְקֶען, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן אַזוֹי גוּט, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן אַלֵיינְס, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִיר אַרוּם, עֶר הִיט אוֹיף דִיר אוּן וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען דַיין יְשׁוּעָה.

נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָשׁ אוּן זֵיי מַעֲבִיר סֶדְרָה; וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג אָדֶער שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, נָאר הֵייבּ שׁוֹין אָן פוּן זוּנְטָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ צְוֵויי מָאל דִי פָּסוּק אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע טֶעג אוּן לַאנְגֶע יָארְן; דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים.

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיעֶס; יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים?' פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער זוּמֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען און מֶען דַארְף גְרוֹיס רַחֲמִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוואוֹינְט אוֹיף דֶעם גַאס וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער מַארְק; עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי פֶּענְסְטֶער און פִירְהַאנְג פַּארְמַאכְט און עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּענְסְטֶער קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס. אֵיינְמָאל זִיצְנְדִיג אִין שְׁטוּבּ בִּשְׁעַתְ'ן שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעהֶערְט הוֹיכֶע קוֹלוֹת פוּן גַאס - מֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעלֵייגְט דֶעם פֶּעדֶער און גֶעוָואלְט גֵיין קוּקְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֵיין קוּקְן הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם טִישׁ און גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין: "נָתָן נָתָן... אֵיין קוּק וֵויינִיגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז פָּארְט בֶּעסֶער", און עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אַרָאפּ גֶעזֶעצְט.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת אִיז אַז מִיר זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאָמָאל און נָאכְאַמָאל: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".**

נֶעכְטְן אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אוֹהֶל, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר.

מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דֶער לֶעבְּן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא און זַייטְס נִישְׁט בַּאזָארְגְט; אִיר וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ. אִיר הָאט עֶרְשְׁט יֶעצְט

חֲתוּנָה גֶעהַאט, דַארְפְט אִיר נִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר שׁוֹין הָאבְּן גוּטֶע נַייעֶס.

זָאגְטְס אַבִּיסְל תְּהִלִים יֶעדְן טָאג; פְּרוּבִּירְטְס צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִים אַז אִיר זָאלְט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים.

זֶעטְס צוּ רֶעדְן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג; הַיינְט אִיז גְרִינְג צוּ מְקַיֵּים זַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מֶען קֶען זַיין אִין אֵיין זַייט וֶועלְט אוּן דִי עֶלְטֶערְן אִין דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועלְט - אוּן מֶען קֶען רֶעדְן יֶעדְן טָאג אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעלְט פוּן קָמֵיעוֹת דַארְף גֵיין פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ מַאכְסְט דִי רִיפְלֶעקְטָארְס אִין שְׁטֶעטְל אַז עֶס זָאל הָאבְּן אוֹיף זִיךְ דִי קָמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דַארְף דִי גֶעלְט גֵיין פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה.

דִי וֶועסְטְל רִיפְלֶעקְטָארְס קֶענְסְטוּ הַאלְטְן פַאר דִיר, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ הַאלְטְן דִי גַארְטְל רִיפְלֶעקְטָאר פַאר דִיר; אָבֶער אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן גַארְטְל דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי קָמֵיעַ אִיז דָאס שַׁייךְ פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חָשׁוּבֶ׳עֶ חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אָן אַ שִׁיעוּר גְרִיסְן אִיז צוּ מִיר אָנְגֶעקוּמֶען פוּן אַייעֶר חַבּוּרָה אִין יְרוּשָׁלַיִם

פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן מִיר אַז מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט שָׁבוּעוֹת אִין אַייעֶר חַבְרַיָא, מֶען הָאט מֵרָחוֹק פַארְשְׁטַאנֶען דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ"ה בְּרֶענְגְט (שְׁלָ"ה, מַסֶכֶת שָׁבוּעוֹת), דִי מַעֲשֶׂה נוֹרָא פוּן דִי חֲבוּרָה בַּיים הֵיילִיגְן בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס זֵיי הָאבְּן אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקוּן, שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן פַאלְשֶׁע לִימוּדִים; זֶעט צוּ לֶעבְּן מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, בִּפְרַט וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ בַּיי דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ - דָארְט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּנֶעם פְרוּמֶער יֵצֶר הָרָע וָואס שְׁטֶעלְט אַ פָּנִים ווִי אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם אוּן אַזוֹי וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם צַדִיק, הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מְטוּלְטְשִׁין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּקוּטִים"), אַז עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ מֻבְדָל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בְּעִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן הִלְכוֹת טָהֳרָה צוּ ווִיסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶּער נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין שׁוּם חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, נָאר וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ'.

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם נוֹשֵׂא, אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס יָא אוּן וָואס נִישְׁט וְכוּ', וְכוּ' - אֲפִילוּ וֶוער עֶס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים. גְלַייךְ וֶוען דִי גְרֶענִיץ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען הָאף אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ זַיין מִיט עֶנְק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט לוֹיט ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז: פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָּאטְשִׁיג דֶעם דַף גְמָרָא,

דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי שְׁוֶועֶרע נִסְיוֹנוֹת; ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע? נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - בִּפְרַט לִימוּד גְמָרָא, פַארְבְּרֶענְט דָאס דֶער יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' גִימַטְרִיָא שֶׁל הַקְלִיפָּה הֲמַחְטִאת אֶת הָאָדָם בִּפְגָם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת 'לִילִית'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית; זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי גְמָרָא, דָאךְ זָאלְט אִיר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס וֶועט הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אוּנְז אוּנְטֶער אוּן וִויל אוּנְז אַרָאפּ וַוארְפְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...